א. סטרעליץ (אָסקאר)

# אראָפּגעריסענע מאסקעס

פעליעטאָנען

פּאָרוואָרט — מ. ליטוואקאָוו

בית הספרים הלאומי והאוניברסיטאי ירושלם

מאָסקווע * פארלאג „עמעס“ * 1932

וויגעלע און קיצלט אים אונטערן לעפעלע: „אוט, אוט, אייער קליינע עקסצעלענץ“, און דאָס קינד האָט א דריגע געטאָן מיט די פיסעלעך און האָט ניט פאַרהאַלטן דעם „אומגערנדיקן געפילן-אויסדריק“, וואָס א וואַרעמען שפּריץ זיינעם האָט געהאַט דאָס גליק צו דערפילן אויף זיין פּאָנעם הילפערדינג... אָט אן אידיליש בילד אין א בירגערלעכער פאַמיליע!

אָבער אָט-די געוויינלעכע אַלטעגלעכקייט שטרייכט טיף אונטער די קלאַסן-נאַטור פון די פּערסאָנאַזשן. זי ווייזט די קליינבירגערלעכע און בורזשואַזע „בעסטיע“ אין איר געמיטלעכן צושטאַנד, — אָבער מע קאָן לייכט זיך פאָרשטעלן איר פאַרצעף און אופירונג אין מאָמענטן, ווען ס׳דראָט א געפאַר פאַר איר פרידלעכער געמיטלעכקייט. כ. סלופּס ערנסט דריידל און כ. יאמטאווס וואַרעמע בליקן, פאַרשטאַרקטע מיט פילדעפּערסאָווע זאָקן — זיינען באַלעבעסלדיקער אַפּאָרטוניזם, וואָס אין מאָמענטן פון פאַרשאַרפטן קלאַסן-קאַמף וועט ער זיך צעיושען צי פון רעכטס, צי פון „לינקס“, צי פון ביידע זייטן מיטאַמאָל. און זייט זיכער, אז דער „וואַרעמער שפּריץ“ אין פּאָנעם, וואָס הילפערדינג האָט אזוי לייטזעליק באַקומען פון „זיין ביצל עקסצעלענץ“, וועט זיין א קוואַל פאַר באַגייסטערן די צערגיבעלס און נשעזשינסקיס צו באַנעצן די בערלינער גאַסן מיט הייסן אַרבעטער-בלוט...

III

אָט דאָס זיינען די גרונט-שטריכן פון סטרעליץ—אָסקאַרס שעפערישער ליניע אין זיינע פעליעטאָנען.

מע דאַרף אָבער זאָגן, אז דידאָזיקע ליניע אנטהאַלט אין זיך געפאַרן, די מעגלעכקייט פון גלימשן. אָט דער ליריזם, מיט וועלכן עס זיינען דורכגעדרונגען די מערהייט פעליעטאָנען, איז א שטענדיקער ניסאָיען אַוועקצופירן דעם געדאַנק אויף „הומאַניסטישע“ דראָכים, צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט אויף דאָס „מענטשלעכע“ און ניט אויף דאָס קלאַסאָווע. דאָסזעלבע איז מיט דער אימפּרעסיאָניסטישער מאַניר אָנצוזאַמלען דעטאַלן, קעדיי דורך זיי געבן די כאַראַקטעריסטיק פון דער לאַגע אָדער פון דער פּערזאָן. עס ציט אָפּט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פונעם איקער קלאַפּ, וואָס דער פעליעטאָניסט גיט אָדער וויל געבן, עס צענטרענצלט די קראַפט פון דער אומטאָלעראַנטער סאַטירע, און ס׳הייבט אָן צו דראָען די געפאַר פון ווייכן, הומאַניסטישן הומאָר.

אָט דער לירישער אימפּרעסיאָניזם, וואָס איז בא סטרעליצן אן אויסגערעכנטער גאַנג, א מעטאָד אונטערצושטרייכן קאָנטראַסטן, וואָס ווערט גע-



וויינלעך צום פינאַל אַנטבלויזט, אַנטקרוינט, — באַקומט אָבער אָפט ביזן פינאַל א ניט-פּראָפּאָרציאָנעלן באַטייט. ער פאַרשלינגט אָפט דעם קלאַסן-אַנאַליז, און מיר האָבן פאַר זיך גלאַט „מענטשלעכע“ אומנאָרמאַלקייטן. ווידער ווערט די סאַטירע אָפּגעשוואַכט, און עס באַווייזט זיך די געפאַר פון פאַרגעבנדיקן הומאָר („אייל מאָלע ראַכמים“, „נייער ווינער זשאַנער“).

אָט די שטריכן פון אָסקאַרס שעפערישער ליניע ברענגען ביכלאַל דערצו, וואָס אין זיינע פעליעטאָנען פעלט צאָרן, דראַנג — ס׳שלענגלט זיך איבער זיי און פון זיי אַזויווי אַביסל א פאַרטרויטער סאַרקאַסטישער שמייכל.

עמעס, אין איינציקע לעצטע פעליעטאָנען זיינע („די העכערע גערעכטיקייט“, „די שלאַכט בא קראָקע“, „ווייסע בערן“) זיינען שוין אָט די שטריכן ניט אזוי קענטיק, און דערפאַר צייכענען זיי זיך אויס מיט מער דראַנג. אָבער ביכלאַל גערעדט, שטייט נאָך סטרעליצן פאַר צו פאַרוואַנדלען זיין סאַרקאַסטישן שמייכל אין א סאַטירישן איזדיעקוועון זיך.

אין דער זאַמלונג גייען, עמעס, אריין אויך איינציקע שוואַכע פעליעטאָנען (לעמאָשל, „די אַנטדעקונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד“, „ער זוכט דעם עמעס“ און אנד.), וואָס וואָלטן געמעגט בלייבן אין די פאַרשטויבטע צייטונג-קאָמפּלעקטן, אָבער אין אַלגעמיין איז דער בוך „אַראָפּגעריסענע מאַסקעס“ א ווערטפולער בייטראָג אין דער ליטעראַטור פון אונדזער פּראָלעטאַרישן פּאָליטקינסטלערישן פעליעטאָן.

**מ. ליטוואַקאָוו.**

8/II—1932

עטלעכע טעג ארום וועט די גאנצע וועלט קאָנען זען פאָטאָגראפירט דעם ווירדיק-מעלוכישן פאָרזיצער און זײַן טעכנישן סעקרעטאר, דעם כאוועך שפראָט.

4 מארט 1928

# פון איין זײַט און פון דער צווייטער

— ווי איר זעט, כאוויירים, איז קלאָר, אז קיין קריסטוס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט, און דעריבער איז ער קיינמאָל ניט געשטאָרבן און איז, נאטירלעך, ניט לעבעדיק געוואָרן. די גאנצע געשיכטע מיט פאסכע איז ניט מער, ווי א פארבלענדעניש, וואָס די בורזשואזיע...

א האָגל אפלאָדיסמענטן האָט באדעקט הורוויטשעס לעצטע ווערטער. ער האָט אפגיך צונויפגענומען זײַנע פאפירלעך פונעם טיש און זיי ארײַנגעלייגט אין פאָרטפעל. די אפלאָדיסמענטן האָבן נאָך גערוישט, אָבער אלץ שטילער, ווי א גיך-פארבײַגייענדיקער האָגל. הורוויטש האָט צופרידן געשמייכלט. עמעס, ער האָט זיך ניט גענויגט פארן אוילעם, ווי די ארטיסטן טוען, נאָר אין הארצן איז ער געווען צופרידן.

נאָך הורוויטשן איז ארויסגעטראָטן א צווייטער רעדנער וועגן דעם יִדישן פייסעך. אָבער ער, הורוויטש, האָט קיין צײַט ניט געהאט זיך צוצוהערן צו זײַן רעדע, — ער האָט געדארפט נאָך דעם אָוונט האלטן אין א צווייטן אָרט א לעקציע וועגן פאסכע.

בא דער טיר האָט אים אָפגעשטעלט פיאָדאָראָוו, א באקענטער ארבעטער:

— אנטשולדיקט, כאוועך לעקטאָר, איין מינוט. איך האָב צו אײַך א באקאָשע. איר פארשטײט, איך בין ניט קיין גלויביקער — ניט געווען קיין צײַט צו טראכטן וועגן אזעלכע זאכן, נאָר אָט אײַער רעדע האָט בא מיר ארויסגערופן א ווונטש זיך נעענטער באקענען מיט דער לעגענדע וועגן קריסטוסן. עפשער וועט איר מיר קאָנען אָנווײַזן די נייטיקע ליטעראטור.

הורוויטש האָט א קלער געטאָן א ווײַלע, און אזוי ווי ער האָט זיך געאײַלט, האָט ער גיך געפונען אן אויסוועג:

— ווייסט איר וואָס? קומט ארײַן אין אן אָוונט צו מיר אהיים, וועל איך אײַך אָנווײַזן די ליטעראטור און עפשער אײַך געבן אייניקע ביכער צום איבערלייענען.



הורוויטש איז שנעל געגאנגען איבער דער גאס צום קלוב. ווו ער האָט געדארפט נאָכאמאָל ארויסטרעטן. דער פרילינג האָט זיך אלץ מער געלאָזט פילן. די רינוועס וואסער זײַנען אפילע אינאָוונט ניט פארפרוירן געוואָרן. אין דער הויך האָט א ריינער, אויסגעשטערנטער הימל געפינקלט און געפאָכט מיט פרישע שמעקנדיקע ווינטלעך. דער ווינטער-מאנטל האָט מיטאמאָל געלאָזט דערפילן זײַן שווערקײַט.

הורוויטש האָט מיט א פולער ברוסט אָפגעעטעמט. ער האָט מיטאמאָל דערפילט א שטיפערישן קיצל, און ער האָט זיך דערמאָנט זײַן יוגנט. א יונג בלאָנד מיידל איז צעשפילעט דעם מאנטל פארבײַגעגאנגען פארבײַ אים.

אהיים איז ער געקומען שפעט אינאָוונט. ער איז געווען אָנגענעם פארמאטערט. זײַן צווייטע לעקציע האָט געהאט נאָך מער דערפאָלג. ער האָט זייער שארף און וויצלדיק געכויזעקט איבער די רעליגיעזע פאָרורטיילן פון די קליינבירגער, פון די באלעבאָסלעך. דער אוילעם האָט געלאכט און ווארעם אפלאָדירט.

אינדערהיים האָט ער מיט אָנגענעמער איבערראשונג באמערקט, אז ס'איז הײַנט אופגעראמט און צוגעקליבן. די אָוונטיקע פענצטער האָבן זיך העל געשפיגלט און אָפגעלויכטן אף צוריק אין צימער ארײַן מיט ריינגעוואשענע שויבן.

פון צווייטן צימער איז ארײַן די באָבעשי מיט א ליכט אין דער האנט און האָט אפן פענצטער עפּעס געזוכט.

— וואָס זוכט איר באָבעשי?

זי האָט נאָכאמאָל א קוק געטאָן מיט אירע בלינדלעכע אויגן אפן שוועל פונעם פענצטער און א וויש געטאָן מיט א פלעדערוויש.

— האָסט פארגעסן, אז יִדן זײַנען הײַנט בוידעק כאָמעץ?

— בוידעק כאָמעץ? כע-כע, טאקע פארגעסן, באָבעשי.

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אז גראָד האיאָר איז שוין א יאָר פופצן, ווי ער האָט כאסענע געהאט מיט זײַן ווײַב פאניע. ער געדענקט גאנץ גוט, ווי גראָד ערעוו פייסעך האָבן זיי אפצעלאָכעס אייניקע באלעבאטישע קרוווים כאסענע געהאט אין א דערבײַיִקן שטעטל. ער האָט שוין דעמאָלט ניט געהאלטן פון כופע-קעדושין, נאָר צוליב טאטע-מאמע האָט מען אפגיך אָפגעשטעלט א כופע, און דערנאָך, נאָך דער כופע, געמאכט אן אָוונט פאר כאוויירים און כאווערטעס.

צום סיידער נאָך דער כאסענע איז ער געווען באם טאטן. ער האָט אין יעציִעס-מיצראַיִם ניט געגלויבט, — נאָר צו וואָס מעצאער זײַן די

עלטערן? זיי וועט ער ניט איבעראַנדערשן, און אַליין וועט ער ניט ווערן וויניקער רעוואָליוציאָנער, אויב ער וועט זיך ניט באַגיין סעקטאַנטיש-גראָדליניק מיט מענטשן פֿונעם עלטערן דאָר.

נאָכן סיידער האָט ער זיך געטראָפֿן מיט פֿאַניען. ס'איז געווען פּונקט אַזאַ אָוונט, ווי הײַנט. אַ ריין-געוואַשענער, געשטערנטער הימל. דאָס בלוט האָט געזאָטן און גערופֿן צו עפּעס. זיי האָבן פֿיל גערעדט דעמדאָזיקן אָוונט וועגן דער רירנדיקער נאַיִוקײַט פֿונעם אַלטן שטייגער, וועגן דעם וווּנדערלעכן פֿאָלקלאָר, וואָס שטעקט אינעם פּייסעך-ריטואַל, אין די סעדאָרים...

אין צימער איז אַרײַן זײַן ווײַב. זי איז נאָך אַלץ אַ שוואַרצכענעוודיק, סימפּאַטיש ווײַבל, עמעס, אַביסל אָפּגעלאָזן און צעקראָכן. ער האָט איר דערציילט, ווי די באָבעשי האָט בוידעק כאָמעץ געווען, און עפּעס ווי געוואַרט אויף אַן ענטפֿער.

— דו ווייסט, די באָבעשי וויל ניט אַנדערש, מיר זאָלן מאָרגן אינאָוונט זײַן אינדערהיים. צו די עלטערע יאָרן, זאָגט זי, וויל זי פֿאַרברענגען דעם ערשטן סיידער צווישן אייגענע. דו וועסט זײַן?

הורוויטש האָט אַ קלער געטאָן — קיין זיצונג האָט ער מאָרגן ניט, קיין לעקציע אויך ניט. מאָרגן דאַרף נאָר זײַן אַ ראַיאָנער פּאַרטיי-אַקטיוו. וועט ער ניט זײַן. ער מעג אינדערעמעסן איין אָוונט האָבן פֿאַר זיך.

— נו, איך וועל מאָרגן זײַן אינדערהיים.

— וועל איך שוין אײַנלאַדן נאָך אַ פּאָר כאַווײרים אויך, — האָט זײַן ווײַב צוגעגעבן.

* * *

צי די באָבעשי, צי טאַקע זײַן ווײַב האָט זיך געסטאַרעט, נאָר עס איז געווען אַ פּאָר פֿלעשלעך ווײַן אויפֿן טיש. פֿאַניע האָט קונציק צוגעגרייט אַ מין געפּרעגלעכץ, וואָס האָט אויסגעזען, ווי לאַטקעס אויף אייער. געמאַכט איז עס געווען פֿון אויסגעווייקטע מאַצעס. די באָבעשי האָט פֿאַר זיך אויסגעקאָכט געוויינלעכע קניידלעך פֿון מאַצע-מעל.

די באָבעשי האָט געזאָגט די האַגאָדע. אויף איר בלוילעכער נאָז זײַנען נידעריק אַראָפּגעהאַנגען די ברילן, און די אויגן האָבן אַרײַנגעקוקט אין דער האַגאָדע אַרײַן. הורוויטש און פֿאַניע זײַנען דערבײַ געזעסן, קלוימערשט אַרײַנגעקוקט אין אַ צײַטונג, נאָר שטיל — ניט געשטערט דער באָבעשי אין איר האַגאָדע-זאָגן.



עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. פֿאַניע איז געגאַנגען עפֿענען: דאָס זײַנען געקומען אַ פּאָר כאַווײרים, וועלכע אַרבעטן צוזאַמען מיט הורוויטשן אין טרעסט. זיי האָבן מיט זיך אַרײַנגעבראַכט דעם פֿריילינגדיקן אָוונט און אַ קליינעם טומל בײַ דער ערשטער באַגעגעניש. די ווײַבער האָבן מיט פֿאַניען פֿאַרפֿירט אַ שמועס וועגן וווּהין פֿאָרן זומער אויף אורלויב.

— האַיאָר וועט זײַן שווער צו קריגן אַן אויסלענדישע קאָמאַנדיראָווקע. וועט מען אָפּאָנעם מוזן פֿאָרן אין קיסלאָוואָדסק.

— יאָ — האָט איינער אויסגעצויגן מיט אַ שטילן זיפֿץ, — שווערלעך געוואָרן מיט אויסלאַנד, און ביכלאַל...

די באָבעשי האָט ענדלעך פֿאַרמאַכט איר האַגאָדע. הורוויטש האָט זיך געזעגנט מיט די פֿלעשלעך ווײַן. דער שמועס איז געוואָרן נאָך לעבעדיקער.

— איר האָט געהערט דעם לעצטן אַנעקדאָט?

מע האָט זיך געזעצט צום טיש. פֿאַניע האָט אָנגעטאָן איר קורץ שירצל, וואָס האָט אַזוי ווי אַרומגעכאַפּט איר פֿיגור און זי געמאַכט שלאַנקער. איינע פֿון די געסט האָט זי באַטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

— פֿאַניטשקאַ! איר זעט הײַנט אַזוי ווי ייִנגער געוואָרן, ערן-וואָרט, פֿאַניטשקאַ.

פֿאַניע האָט געשמייכלט און דערלאַנגט צום טיש דאָס געפּרעגלעכץ פֿון אויסגעווייקטע מאַצע. דער ווײַן האָט זיך רויטלעך געפֿינקלט אין די קעלישקעס. די באָבעשי האָט געזופּט דעם זופּ מיט די קניידלעך און אַהין אָנגעקרישעט ברעקלעך מאַצע.

עמעצער האָט געקלאַפּט אין טיר. פֿאַניע איז געגאַנגען עפֿענען, איז באַלד אַרײַן צוריק אין דער באַגלייטונג פֿון פּיאָדאָראָוון.

— אַ, כאַווער פּיאָדאָראָוו, אַוואַדע נאָך די ביכלעך געקומען, וועגן קריסטוסן? איין מינוט, אַנטשולדיקט — האָט ער זיך געווענדעט צו די געסט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער עטאַזשערקע און זיך געפּאָרעט צווישן די ביכער. פּיאָדאָראָוו האָט אין פֿאַרלעגנהײַט באַטראַכט די געסט און דעם געדעקטן טיש. פֿאַניע האָט עס באַמערקט.

— ס'איז בײַ אונדז הײַנט אַ שטיקל מישפּאָכע-יאָנטעוו, — האָט זי אים דערקלערט.

די באָבעשי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דורך די ברילן אַ קוק געטאָן אויף פּיאָדאָראָוון. און דערנאָך האָט זי אויפֿגעזוכט אַ גרעסער שטיקל מאַצע און אים פֿרײַנטלעך צוגעטראָגן.



2327—3

— פאַרזוכט, גראַזשדאַנין, אַ שטיקל ייִדישע מאַצע.

און האָט אים אַרײַנגערוקט אין האַנט. פּיאַדאָראָוו איז געשטאַנען מיט דער מאַצע אין האַנט און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן.

הורוויטש האָט ענדלעך געפונען דעם געזוכטן בוך און אים צוגעטראָגן צו פּיאַדאָראָוון, נאָר ער האָט דערזען בײַ אים אין האַנט די מאַצע, איז ער אַביסל צעטומלט געוואָרן, און גענומען ווישן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ די אַמעריקאַנישע קײַלעכדיקע האָרן-ברילן. אין צימער איז געוואָרן שטיל.

— ווײַזט אויס, כאַווער הורוויטש, אַז דער ייִדישער קריסטוס האָט יאָ עקזיסטירט — האָט פּיאַדאָראָוו אַ זאָג געטאָן.

הורוויטש האָט ענערגיש געווישט זײַנע ברילן.

23 אַפּרעל 1929.

# פּייסעכדיקע שמועסן

אין פּינצטערן קאָרידאָרל, וואָס פירט צו דער קיך, אין ווינקל, איבער דער וואַנע, צווישן פאַרשיידענע אַלטע קערבּ, בלעכענע מולטערס און אַנדערע שמאַכטעס הענגט דער טעלעפאָן-אַפּאַראַט. אַז מע דאַרף זיך מיט אים באַנוצן, מוז מען פריִער פאַרמאַכן די קיך-טיר, קעדיי דער גערויש פון דעם האַלבן טוץ פּרימוסן זאָל עטוואָס שטילער ווערן. מע דאַרף אויך פאַרמאַכן די טיר פון צווייטן עק קאָרידאָרל, וואָס פירט צום אַרויסגאַנג, ווײַל גראָד דאָרט ווינט אַ שוויגער מיט צוויי שניר...

גראָד דעמאָלט, ווען אַ טייל ייִדן האָבן זיך געקליבן צום ערשטן סיידער, און אַ צווייטער טייל — צו דער ערשטער אַנטיפּייסעך-לעקציע, גראָד דעמאָלט האָט דאָס קוועקזילבער אינעם טערמאָמעטער, וואָס האָט אומגעלומפּערט געשטעקט אונטער מײַן אָרעם, זיך אַ הייבּ געטאָן ביז דער ציפער 39 און זיך דערווײַל אָפּגעשטעלט. דעמאָלט האָבּ איך באַשלאָסן, אַז דעם אַנטיפּייסעך-אָוונט וועל איך האַיאָר שוין מוזן דורכלאָזן, איך וועל מיסטאָמע האָבּן צו טאָן מיט אַ גריפּ, צי מיט אַ שאַרפן בראָנכיט, אָדער גאָר מיט קאַדאָכעס. דערווײַל וואָס-ווען האָבּ איך זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל און גענומען דרימלען.

דער טעלעפאָן האָט זיך פּלוצלינג אָפּגעריסן מיט אַ שרעקלעכן געקלונג, ווי אַ הונט פון קייט. עמעצער איז צו אים צו, אים אײַנגעשטילט און זיך צעשמועסט:

— אַלאָ, איך הער. יאָ, יאָ,